# דעם רבינ'ס ליכט



אַייֶערע קִינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּט שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג, און בִּפְרַט דֶער שַׁבָּת וֶועלְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֵיינֶען אִין דֶער תּוֹרָה דֶער פָּסוּק, וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה (ויקרא כג, טו). שְׁטֵייט דָארְט אַז דֶער כֹּהֵן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דֶעם עֹמֶר - דֶער קָרְבָּן שְׂעוֹרִים אַ תְּנוּפָה לה'. לָאמִיר זֶען וִויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און ר' נָתָן בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז, לַעֲבֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה און ווִי אַזוֹי אִיז אַקְטוּעֶל דִי עֲבוֹדָה פוּן סְפִירָה, דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר.

יֶעדְן טָאג נָאךְ סְפִירַת הָעֹמֶר זָאגְט מֶען בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דִי מַטָּרָה פוּן סְפִירָה אִיז אַז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין 'לְקַדְּשֵׁינוּ וּלְטַהֲרֵינוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה'. זִיךְ מְקַדֵּשׁ און מְטַהֵר זַיין פוּן דִי טוּמְאָה און פוּן דִי זֻהֲמָה, וָואס דָאס אִיז דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע תַּאֲווֹת וּמִדּוֹת רָעוֹת.

מִיר ווִילְן דֶערְגְרֵייכְן נָאכְן צֵיילְן פוּפְצִיג טֶעג צוּ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ תּוֹרָה. אַזוֹיווִי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט אַז יֶעדֶעס יָאר בַּאקוּמְט מֶען אַ נַייעֶם דֶערְהֶער, נַייעֶ כֵּלִים צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און קִיּוּם הַתּוֹרָה.




ווייל לִכְאוֹרָה אִיז דִי תּוֹרָה שׁוֹין גֶעגֶעבְן גֶעוָוארְן בַּיים בַּארְג סִינַי, דַאן וָואס אִיז פְּשַׁט אַז יֶעדֶעס יָאר אִיז דָא אַ נַייעֶ קַבָּלַת הַתּוֹרָה? נָאר יֶעדֶעס יָאר בַּאקוּמְט מֶען אַ נַייעֶ פַארְשְׁטַאנְד, און הַכָּרָה, אַ נַייעֶם גֶעשְׁמַאק, עֵצוֹת צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה צוּ צֵיילְן מִיטְ'ן מוֹיל יֶעדְן טָאג גְלַייךְ וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶר טָאג - בַּאלְד נָאךְ דֶער שְׁקִיעָה, דַארְף מֶען אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל 'הַיּוֹם' הַיינְט אִיז אַזוֹיפִיל טֶעג צוּם עֹמֶר. מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז דֶער דִּבּוּר אִיז אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶער כֹּחַ צוּ דֶערְמַאנֶען אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט, כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד (ירמיהו לא, יט). וֶוען מֶען רֶעדְט אַרוֹיס אַ זַאךְ, גֶעדֶענְקְט מֶען עֶס.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין הִלְכוֹת פִּקָּדוֹן אַ וואוּנְדֶערְבַּארֶע הֲלָכָה אוֹיף סְפִירַת הָעֹמֶר. אַז יֶעדְן טָאג הֵייבְּט זִיךְ דֶער טָאג אָן מִיט טוּנְקְלְקַייט, מִיט חֹשֶׁךְ. דָאס מֵיינְט אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא ווִיל אוּנְז יֶעדְן טָאג אוֹיפְוַוייזְן: דוּ זֶעסְט דָאךְ אַז סְ'אִיז טוּנְקְל, עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר. סְ'אִיז דָא בִּלְבּוּלִים און מְנִיעוֹת. יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען, פְרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, טִרְדּוֹת און מְנִיעוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און צוּ דַאוֶוענֶען בְּכַוָּנָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און מַאכְן מִצְוֹת מִיט אַ חֵשֶׁק, מִיט אַ בְּרֶען און הִתְלַהֲבוּת אַזוֹיווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן, אַלֶע הַסְתָּרוֹת און מְנִיעוֹת זֶענֶען נָאר ווִי אַ שָׁאלַאכְץ וָואס נֶעמְט אַרוּם דִי פְרוּכְט. צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען אַ אִינְגְל ווִיל עֶסְן אַ נִיסְל, אוֹיבּ הָאט עֶר קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא נִיסְל וֶועט עֶר זָאגְן: "סְ'אִיז אַ שְׁטִיק קְלָאץ, אַ הַארְט שְׁטִיקְל הָאלְץ".

המשך קומענדיגע זייט

דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

וֶועסְטוּ אִיהם זָאגְן נֵיין: "נֶעם אַ הַאמֶער, צֶעבְּרֶעך דֶעם שָׁאלַאכְץ, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דֶערִין אַ גֶעשְׁמַאקֶע נִיסֶעלֶע." מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דִי שָׁאלַאכְץ אִיז נָאר אַ שָׁאלַאכְץ, אוּן מֶען דַארְף אַרַיינְגֵיין אִין דִי פְּנִימִיּוּת אוּן דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן אַ פְּרִי מָלֵא-טַעַם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז דָא פְּרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים אוּן בַּאזוּנְדֶערֶע מְנִיעוֹת אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער טָאג וֶוערְט נִישְׁט גֶערֶעכְנְט ווִי אַ טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן. מֶען קֶען הֶערְן ווִי אִינְגְל זָאגְט אַמָאל: "הַיינְטִיגֶער טָאג קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי ווִיל רוֹב וֶועלְט זָאגְט: "הַיינְט אִיז עֶרֶב שַׁבָּת - אַ שְׁוֶוערֶע טָאג", "יֶעצְט אִיז עֶרֶב פֶּסַח", "בֵּין הַזְּמַנִּים אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט". ווֶער רֶעדְט פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד, ווִי אִיז דָא צַייט צוּ לֶערְנֶען? ווִידֶער אַ טַעֲנָה "הַיינְט אִיז זוּנְטָאג", מָארְגְן הָאבּ אִיךְ אַ חֲתוּנָה אוּן נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ נְסִיעָה, אוּן אַזוֹי יֶעדְן טָאג הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע תֵּירוּצִים פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט מִיט אַ בְּרֶען אוּן מִיט אַ חִיּוּת.

דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה וָואס הֵייסְט מִצְוַת סְפִירַת הָעֹמֶר, אַז דוּ ווִילְסְט בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז גְלַייךְ אָנְהֵייבּ טָאג דַארְפְסְטוּ זָאגְן 'הַיּוֹם יוֹם'. הַיינְט אִיז אַ טָאג! נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס דֶער טָאג וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען, וָואס דוּ וֶועסְט אַרַיינְכַאפְּן אָדֶער נִישְׁט, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז ס'אִיז אַ טָאג! אוּן טָאמֶער ס'אִיז דִיר שְׁוֶוער, קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן לוֹיט דִי מִדּוֹת וָואס מֶען הָאט יֶענֶעם טָאג. מֶען קֶען אָפְּמַאכְן אַז דֶעם טָאג וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען גֶעשְׁמַאק, הַיינְט קֶען מֶען לֶערְנֶען גֶעשְׁמַאק וֶועט מֶען מֶער לֶערְנֶען. עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען מַאכְן חֶסֶד זָאל מֶען מַאכְן חֶסֶד. עֶס אִיז מִיר אִיצְטֶער גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים וֶועל אִיךְ זָאגְן תְּהִלִּים. אוֹיבּ קֶען אִיךְ הַיינְט נָאר זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת וֶועט מֶען דָאס זָאגְן.




עֶס שְׁטֵייט אִין מִשְׁנָה רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מֶען קֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין יֶעדְן טָאג מִיט אַנְדֶערֶע לִמּוּדִים אוּן מִצְוֹת. דֶער עִיקָר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט קֵיין טָעוּת הָאבְּן אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז בָּטֵל אוּן עֶר לָאזְט עֶס אַוֶועקְפְלִיעֶן ווִי אַ רוֹיעֶר.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז עֶר וֶועט דַארְפְן גֶעבְּן דִין-וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן טָאג אוּן אֲפִילוּ אוֹיף יֶעדֶע שָׁעָה. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה. אַז דִי זִיבְּן וָואכְן פוּן דִי סְפִירָה דַארְפְן זַיין גַאנְץ, עֶס דַארְף זַיין בִּשְׁלֵמוּת. דָאס מֵיינְט אַז קֵיין שׁוּם רֶגַע אוּן קֵיין שׁוּם מִינוּט זָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוערְן.

דָאס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווַייל זִיבְּן וָואכְן אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַלֶע זִיבְּן טֶעג פוּן דִי וָואךְ. זוּנְטָאג הֵייבְּט זִיךְ אָן נַייעֶ זִיבְּן טֶעג נִישְׁטָא קֵיין אַכְט טֶעג אִין אַ וָואךְ, נָאר זִיבְּן טֶעג. עֶס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף זִיבְּן טֶעג וָואס חָזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער זִיבְּן, זִיבְּן, זִיבְּן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶע טֶעג אוּן אַלֶע מִינוּטְן זֶענֶען גֶעצֵיילְט, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלֵייגְן אוֹיף מָארְגְן, הַלְוַואי זָאל עֶר מָארְגְן עֶנְדִיגְן דֶעם חוֹב וָואס עֶר דַארְף מָארְגְן אוֹיסְפִירְן.

המשך אויף זייט 7

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

מֵיין פֶּעטֶער אוּן מוּמֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיטְצוּהַאלְטְן אַ חֲתוּנָה. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט נָאר פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַאר, אַזוֹי אַז עֶס אִיז זֵיי מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים. אֵיין זַאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט מְוַותֵּר זַיין, צוּ פָארְן קַיין מִירוֹן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ. זֵייעֶר יוּנְגְסְטֶע קִינְד אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ בֶּן-זָכָר.

זֵיי הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אַהֶער אוּן אַהִין צוּ שַׁאפְן אַ וֶועג צוּ פָארְן אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. עֶס הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעזֶען ווִי זֵיי פָארְן אַהֵיים אָן צוּ פָארְן אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים.

פְּלוּצְלִינְג, מַמָּשׁ אַ טָאג פַאר זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעדַארְפְט אַהֵיימְפָארְן הָאט מֵיין טַאטֶע גֶעדַארְפְט פִירְן מֵיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע קַיין צְפַת. עֶר הָאט בַּאשְׁטֶעלְט צוּ דִינְגֶען אַ קְלֵיין קַאר פַאר דֶעם צְוֶועק. אִינְדֶערְפְרִי, עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען דֶעם קַאר אוּן עֶר טְרֶעפְט אָן אַ לֵיידִיגֶע פַּארְקִינְג לַאט. לֵיידִיג מֵיינְט אַז קֵיין אֵיין קַאר אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען. מֵיין טַאטֶע פְרֶעגְט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, "וואוּ אִיז דֶער קַאר וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁטֶעלְט?" זָאגְן זֵיי אִים גַאנְץ פָּשׁוּט. סְ'אִיז מֶער נִישְׁטָא...

"וָואס הֵייסְט? אִיךְ הָאבּ דָאךְ קְלָאר בַּאשְׁטֶעלְט," הָאט מֵיין טַאטֶע זִיךְ גֶעבֶּעטְן.

בְּקִיצוּר, זֵיי הָאבְּן מְבַרֵר גֶעוֶוען אוּן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵיין אוֹיטָא וֶועלְן זֵיי אִים גֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע וֶוען (טֶענְדֶער) פַאר דֶעם זֶעלְבְּן פְּרַייז וָואס סְ'קָאסְט אַ קְלֵיין קַארֶעלֶע. מֵיין טַאטֶע קוּמְט אָפְּנֶעמֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶס פַאלְט אִים אֵיין אַז מַיין פֶּעטֶער אוּן מוּמֶע קֶענֶען זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט דֶעם גְרוֹיסְן טֶענְדֶער. פוּן אֵיין מִינוּט צוּם צְוֵוייטְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ שְׁנֶעל גֶעמַאכְט גְרֵייט, אֵיינְגֶעפַּאקְט אַבִּיסְל צֵידָה לַדֶּרֶךְ אוּן וַיִּסָּעוּ. דָארְט בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט מִתְפַּלֵּל זַיין. אוּן מֵיין טַאטֶע הָאט זֵיי נָאךְ אַבִּיסְל אַרוּמְגֶעפִירְט צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן דֶערְנָאךְ אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט. זֵיי הָאבְּן אִים זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען דֶערְפַאר. אוֹיךְ מֵיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אוֹיף דִי אַקְצִיֶע וָואס אִיז בְּעֶזְר הַשֵּׁם אַזוֹי גוּט גֶעלוּנְגֶען!

זֵיי הָאבְּן טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא אִיז זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס מֶען קֶען דָארְט זוֹכֶה זַיין. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ צַייט אוּן זֵיי זֶענֶען טַאקֶע גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט אַ בֶּן זָכָר. דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער רִינְג אִין דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז דֶער בְּרִית אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען פּוּנְקְט אַ טָאג נָאךְ ל"ג בָּעֹמֶר!



# מַעֲמַד צוּם שְׁלוּס פוּנֶעם דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

### גֶעפְרַאוֶועט דֶעם גְרוֹיסְן סִיּוּם ל"ג בָּעֹמֶר אִין שְׁטָאט וַוארְשֶׁע

מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בַּאשְׁרַייבּוּנג וְויאַזוֹי רַבִּי יִצְחָק מֵאִיר קוֹרְמַאן בַּאצַייכְנְט מִיט קָאלִירְן דֶעם ווּאוּנְדֶערְלִיכְן מַעֲמַד אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ע שְׁטִיבְּל אִין פּוֹלִין צוּם עֶנְדֶע פוּן הַדְפָּסַת לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

מִיר גֵייעֶן צוּרִיק הוּנְדֶערְט מִיט אֵיין יָאר, יָאר תרפ"ד וֶוען אִין לוּבְּלִין אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יְהוּדָה לֵייבּ רוֹזֶנְפֶעלְד [גֶערוּפְן ר' לֵייבֶּעלֶע פְּרָאמְפָּאלֶער] הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְסַדֵּר זַיין צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אַ וַויילֶע שְׁפֶּעטֶער אִיז דִי אַרְבֶּעט גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דוּרְךְ ר' אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגֶעלְמַאן זַ"ל פוּן וַוארְשֶׁע, וֶועלְכֶער הָאט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין גוּף אוּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען דְרוּקְן דִי צְווֵיי חֲלָקִים לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוֹיפְן שֶׁענְסְטְן אוּן רַייכְסְטְן דְרוּק. אוֹיךְ הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט דֶעם שַׁעַר-בְּלַאט מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן שַׁעַר אוֹיסְגֶעקְרִיצְט מִיט גְרִינֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע קָאלִירְן אַ שֵׁיינֶעם בּוֹים מִיט אַ בִּילְד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אִין אוּמַאן.

דֶער סֵפֶר אִיז פַארְטִיג גֶעוָוארְן, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף אַ גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב אִין שְׁטָאט וַוארְשָׁא. דִי נַאכְט פוּן ל"ג בָּעֹמֶר אִיז בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן פַאר דֶעם מַעֲמַד, וֶוען אַ גְרוֹיסֶער קִבּוּץ אִידְן פוּן רוֹב שְׁטֶעט אִין פּוֹילְן הָאבְּן זִיךְ פַארְזַאמְלְט אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁטִיבְּל אוֹיף 43 דְזְשָׁאלְנָא גַאס.

### דֶער סֵדֶר הַמַּעֲמָד אִיז פָארְגֶעקוּמֶען וְוִי פָאלְגְנְד:

מֶען הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען מִיט אַן עֶרְנְסְקַייט מִיט הִתְקַשְּׁרוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וְוִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט אוּן יוֹם כִּפּוּר. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּם סִיּוּם וֶוען ר' אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגֶעלְמַאן זַ"ל אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם סֵפֶר אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶעם נֵייעֶם זַיידֶענֶעם בֶּגֶד. עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דֶער הוֹיךְ אוּן גֶעהַאלְטְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אִין הַאנְט, מִיט אַ הוֹיכְן קוֹל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן דִי בְּרָכָה 'שֶׁהֶחֱיָינוּ', וֶוען דֶער עוֹלָם עֶנְטְפֶערְט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ דִינֶערְדִיגֶע 'אָמֵן' וָואס הָאט גֶעשְׁפַּאלְטְן הִימְלֶען.



שְׁפֶּעטֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּעַל תְּפִלָּה ר' שְׁלֹמֹה יְהוּדָה הָאפְמַאן הי"ד מִיטְן זָאגְן דֶעם 'אַתָּה הָרְאֵיתָ לָדַעַת' אַזוֹי וְוִי שִׂמְחַת תּוֹרָה, וֶועלְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בֶּעלֶעמֶער מִיט סְפָרִים אוּן מִיט דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין דִי הֶענְט. זִיבְּן מָאל הָאט מֶען גֶעטַאנְצְט הַקָּפוֹת. אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶענוּמֶען אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מִיט דֶעם נֵייעֶם אַיינְגֶעבִּינְדֶענֶעם סֵפֶר. הַאנְט בַּיי הַאנְט הָאבְּן זִיךְ אַלֶע חֲסִידִים

אָנְגֶעכַאפְּט טַאנְצְנְדִיג צְוֵויי שָׁעָה אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל מִיט דֶעם בַּאוואוּסְטְן נִיגוּן 'בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה'.

דִי טֶענְץ וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אִין דֶער לוּפְטְן, אַז דִי שְׁטוּבּ בַּאדֶעקְט דִי פַארזַאמְלֶטֶע אִין אַ וָואלְקְן פוּן שְׁטוּבּ ווִי בַּיים קַבָּלַת-הַתּוֹרָה. וואוּיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן צוּגֶעזֶען און גֶעשְׁפִּירְט דֶעם זִיסְן בַּא'טַעֲמְטְ'ן גֶעפִיל פוּן דְּבֵקוּת אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער און אִין זַיינֶע צַדִּיקִים אַ גֶעפִיל וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסשְׁרַייבְּן אוֹיפְן פַּאפִּיר.

אַ בְּרֵייטֶע סְעוּדָה ווִי סְעוּדַת-שְׁלֹמֹה אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים און בְּרוּחָנִיּוּת הָאט מֶען גֶעשְׁפִּירְט אַ טַעַם גַּן עֵדֶן אִין דִי קוֹילִיטְשׁ און מַאֲכָלִים דֶערְמַאנְעְנְדִיג זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס ווען אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס קוּמֶען אוֹיף דֶער חֲתוּנָּה און בֶּענְטְשְׁן דִי חָתָן-כַּלָּה מִיט אַ דְּרָשָׁה גֶעשַׁאנְק.

שֵׁיינֶע דְּרָשׁוֹת זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן מַעֲלָה פוּן דְּרוּקְן און דֶער גְרוֹיסְן חִיּוּב פוּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, יֶעדֶער יָחִיד פַּאר זִיךְ און בְּרַבִּים זָאל מֶען מַאכְן אִינְאֵיינֶעם שִׁעוּרִים צוּ מֵפִיץ זַיין דִי דִי לִיכְטִיגֶע תּוֹרוֹת און מַאֲמָרִים פַּאר יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין טְרִיקֶענֶער שְׁטִיקֶל הָאלְץ, אָדֶער אַ שְׁלִימַזָלְנִיק, נָאר פִּילֶעוֶוען אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם צַדִּיק מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, כְּדֵי דֶעם רֶבִּינְ'ס פַּייעֶרְל זָאל וַוייטֶער טְלוּאִין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

אַלֶע צוּהֶערֶערְס הָאבְּן זִיךְ פוּנְדָאסְנֵיי גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ קִיְּמוּ-וְקִבְּלוּ, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן און צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, מִיט פִיל דַאנְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע נֶעמֶען זִיךְ פְרִישׁ אוּנְטֶער צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה צוּ דַאוֶוענֶען בְּכֹחַ און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ טָאג-טֶעגְלִיךְ בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, זָאגְן תְּהִלִּים, און זַיין בְּשִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ תּוֹרָה און מִצְוֹת, בִּפְרָט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אָנְצוּלַאנֶען אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּנְז צוּ פַארֶעכְט און אוֹיסְגֶערוּפְן: "דִיפִּיט אוֹיף מֵיין כֹּחַ, אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ".



דִי טֶענְץ זֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען בִּיזְן זוּן אוֹיפְגַאנְג, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן תְּפִלַּת שַׁחֲרִית כְּוָתִיקִין זֶענֶען אַלֶע גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, גְרֵייטְנְדִיג זִיךְ אוֹיף אַ בְּרֶענֶענְדִיגְן שַׁחֲרִית מִיט צְעָקוֹת און מְחִיאַת-כַּפַּיִם, נָאכְן דַאוֶוענֶען אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִינְאֵיינֶעם, און נִישְׁט פַארְגֶעסְן נָאךְ אַ טֶענְצְל נָאכְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בַּאפוֹילְן אַז 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' בִּפְרָט אִין אַזַא הֵיילִיגְן טָאג פוּנֶעם גְרוֹיסְן הִלּוּלָא פוּנֶעם תַּנָּא אֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי.

# א שמועס מיט'ן זיידן



## אַ בְּרָכָה פוּן רַבִּי'ן

אַ שְׁמוּעֶס מִיט זֵיידְן

**זֵיידֶע** – אַ גוּטְן, בֶּערֶעלֶע, וָואס וֶועלְן מִיר הַיינְט שְׁמוּעֶסְן?

**בֶּערֶעלֶע** – אֶפְשָׁר הָאט זֵיידִי אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט?

**זֵיידֶע** – אַ מַעֲשֶׂה? הָא אַ מַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, לָאמִיר טְרַאכְטְן מ..מ.. אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט – דַאכְט זִיךְ מִיר – אִיבֶּערְזָאגְן פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל. הֶער צוּ:

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִיד אַ שְׁמִיד. זַיין פַּרְנָסָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַז עֶר פְלֶעגְט מִיט פַייעֶר צוּזַאמְשְׁמֶעלְצְן אַייזְן. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּקְרֵיינֶע נֶעבְּן דֶעם דֶערְפְל רֶעסָאשֶׁע.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעאַרְבֶּעט זַיין אַרְבֶּעט אַזוֹי רוּאִיג אוּן גֶעמִיטְלִיךְ, הֶערְט עֶר פְּלוּצְלִינְג אַ מָאדְנֶעם גֶערוּישׁ פוּן הֶעכֶער דֶעם בַּארְג וואוּ עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט. עֶר הָאט גֶעקוּקְט אַהִין אוּן אַהֶער בִּיז עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער בִּילְד. אַ גְרוֹיסֶער וָואגְן שָׁאקְלְט זִיךְ ווִילְד אוֹיף אַלֶע זַייטְן. אֵיין רֶעדְל אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פְּלוּצְלוּנְג אִינְמִיטְן פָּארְן אוּן עֶס פָּארְט שְׁנֶעל צוּם אָפְּגְרוּנְד! דֶער שְׁמִיד הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ כַאפְּן וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זִיצְן אוֹיף אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶעם וָואגְן, וָואס גְלִיטְשְׁט אַרָאפּ דֶעם בַּארְג מִיט אַ ווִילְדֶע שְׁנֶעלְקַייט. ס'אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ. זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכְן גֶעפַאר.

דֶער שְׁמִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּעַל כֹּחַ, הָאט בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ מוֹסֵר-נֶפֶשׁ זַיין אוּן פְּרוּבִּירְן רַאטֶעוֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וָואגְן. אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אַ אַוֶועק פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג, גְרֵייט צוּ כַאפְּן דֶעם וָואגְן. מִיט זַיינֶע בְּרֵייטֶע אַקְסְלֶען הָאט עֶר זִיךְ אַנְטְקֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט אוּן וֶוען דֶער וָואגְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶס שְׁטַארְק אַרֵיינְגֶעהַאקְט אִין דֶעם אִיד, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט...

ווֵייסְטוּ בֶּערֶעלֶע וֶוער אִיז אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיפְן וָואגְן?

**בֶּערֶעלֶע** – אמ.. אֶפְשָׁר דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב?

**זֵיידֶע** – גַאנְץ נָאנְט צוּגֶעטְרָאפְן... אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם... דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוֹיפְן וָואגְן... דֶער פָּשׁוּט'עֶר שְׁמִיד הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען עֶר רַאטֶעוֶועט אִין יֶענֶע מִינוּט... נָאךְ דֶעם גְרוֹיסְן נֵס, וֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרָאפּ פוּנֶעם וָואגְן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אִיד – דֶער שְׁמִיד אוּן אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן: "לַאנְג לֶעבְּן זָאלְסְטוּ..."

וְכָךְ הֲוָה, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דֶער אִיד אִיז

עֶלְטֶער און עֶלְטֶער גֶעוָוארְן... עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזַא אַלְטֶער אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאר!!!

**בֶּערֶעלֶע** – מֶער ווי הוּנְדֶערְט יָאר? אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא זַאךְ.

**זֵיידֶע** – יָא יָא אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער שְׁמִיד אִיז גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶער פֶּעטֶער פוּן ר' שַׁבְּתַי' בְּרֶסְלֶבֶ'ער און עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה מֶען זָאל הֶערְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דוּ וֵוייסְט בֶּערֶעלֶע דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און מֶען לֶערְנְט זִיךְ אָפּ פוּן זֵייעֶרֶע וֶועגְן.

**בֶּערֶעלֶע** – יָא, אִיךְ הָאבּ אַזַא קַארְטְל. אִיךְ מֵיין אַז סְ'אִיז נוּמֶער אֵיין-אֵין-אַכְצִיג. סְ'דָא דָארְט אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגֶעלֶע וָואס לֵיינְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים און עֶר וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק.

**זֵיידֶע** – זֵייעֶר שֵׁיין, נוּ, לָאמִיר הֶערְן פוּן דִיר, בֶּערֶעלֶע, וָואס קֶענְסְטוּ זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה?

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ מֵיין אַז מֶען קֶען זֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן מְקֻיָּם גֶעוָוארְן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אוּנְז, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ הַבְטָחָה מִיט עֵדִים, וֶועלְן מִיר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה. וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן און גֶעזָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי און גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה וֶועט עֶר אַוַודְאַי צוּם סוֹף מְתֻקָּן זַיין און אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן מִיט דִי פֵּאוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית!

**זֵיידֶע** – אַשְׁרֶיךָ! זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיפְצוּוַואכְן און מְחַזֵּק זַיין פוּן יֶעדֶע מַעֲשֶׂה און גוּטֶע זַאךְ וָואס מִיר הֶערְן.

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 2

יֶעדְנְסְפַאל, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז מָארְגְן וֶועט עֶר דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיוִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה רע"ב 'הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ'. וֶוער עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר וִויל פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס קוֹל דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז "הַיּוֹם, נָאר הַיינְטִיגְן טָאג."

זָאגְט ר' נָתָן אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען צֵיילְט נַיין און פֶערְצִיג טֶעג און מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת מִצְרַיִם און מֶען בַּאקוּמְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שָׁבוּעוֹת דַארְךְ מֶען שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער נִישְׁט צֵיילְן מִיטְ'ן מוֹיל דִי סְפִירָה, וַוייל מֶען וֶועט עֶס שׁוֹין מְמֵילָא אַ גַאנְצֶע יָאר גֶעדֶענְקֶען דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס עֶר וֵוייסְט דֶער סוֹד פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר אַזוֹיוִוי אַלֶע אִידְן זִינְגֶען 'בַּר יוֹחָאי... שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת סוֹד חֲמִשִּׁים'. דֶער הֵיילִיגֶער ר' שִׁמְעוֹן וֵוייסְט דֶעם סוֹד חֲמִשִּׁים, דֶער שַׁעַר פוּן מָשִׁיחַ דֶער שַׁעַר פוּן תְּשׁוּבָה פוּן תְּהִלִּים. בִּזְכוּת דֶעם זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אוּנְז אַלֶע שְׁעָרִים, שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, שַׁעֲרֵי גְאוּלָה, שַׁעֲרֵי שִׂמְחָה, שַׁעֲרֵי תּוֹרָה און נָאךְ דָאס יָאר זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה מָשִׁיחַ זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן און מִיט אַלֶע צַדִּיקִים, און עֶס זָאל זַיין אַ גְאוּלָה בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים מְגֻלִּים. אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

# דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 5 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס



**אַז זֵיי הָאבְּן גוֹמֵר גִיוֶוען דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג.** אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִיא הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער דֶערְמַאנְט אוּן הָאבְּן גִיבֶּענְקְט וְכוּ׳ נָאךְ דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְז דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא וְכוּ׳.

**פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט** אַז אִיר זָאל זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ.

**אִיר מֵיינְט.** אַז אִיךְ הָאבּ אַ קְרוּמֶען הַאלְז. אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין קְרוּמֶען הַאלְז נִיט. אַדְרַבָּא אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גְלַייכִין הַאלְז. זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז.

**נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין הַבְלֵי עוֹלָם.** (דְהַיְינוּ נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט) אוּן אִיךְ ווִיל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין. (אוּן דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ קְרוּמֶער הַאלְז. וָוארִין עֶר פַארְקְרוּמְט דֶעם הַאלְז פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם אוּן עֶר ווִיל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין)

**אָבֶּער צוּם אֶמֶת הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז.** זֵייעֶר אַ ווּאוֹילִין הַאלְז. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ ווּאוֹיל קוֹל. אוּן אַלֶע קוֹלוֹת וָואס אִין דֶער וֶועלְט וָואס נָאר אַ קוֹל אָן אַ דִיבּוּר. קָאן אִיךְ אַלֶע קוֹלוֹת נָאךְ מַאכִין מִיט מַיין קוֹל. וָוארִין אִיךְ הָאבּ אַ הַאלְז אוּן אַ קוֹל זֵייעֶר אַ ווּאוֹילְס אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוּיף פוּן דֶער מְדִינָה.

**וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זֵיי קָאנֶען** אַלֶע זֵייעֶר ווּאוֹיל דִי חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא. (דְהַיְינוּ דִי חָכְמָה פוּן שְׁפִּילִין אוּן זִינְגֶען) אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע דָארְט עוֹסֵק אִין דֶער חָכְמָה. אוּן אַפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער. סֶע אִיז דָארְטִין נִיט פַארְהַאנְדִין אַ קִינְד וָואס סֶע זָאל נִיט קֶענֶען שְׁפִּילִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ כְּלִי שִׁיר.

**אוּן דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה** אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִין דֶער חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא.

**אוּן דִי חֲכָמִים** אוּן דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אוּן דִי קַאפֶּעלְיִיס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אִין דֶער חָכְמָה.

**אַמָאל זֶענֶען גִיזֶעסְן דִי חֲכָמִים** פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה אִין מָאזִיקַא דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף אַלֶע כְּלֵי שִׁיר.

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי דָאס כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי דָאס כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר.

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט** אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי אַ פּוֹיק פּוּנְקְט. גְלַייךְ ווִי מֶע פּוֹיקְט. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי מֶע שִׁיסְט אוֹיס פוּן אֵיין הוּרְמַאטֶעס

אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוָוען (דְהַיינוּ דֶער מִיט דֶעם קְרוּמֶען הַאלְז וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן** אוּן הָאבּ צוּ זֵיי גִיזָאגְט מַיין קוֹל אִיז בֶּעסֶער פוּן אַייעֶרֶע קוֹלוֹת. וְהָא רַאְיָה. וָוארִין אַז אִיר זֶענְט יוֹא אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין מָזִיקַא הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

**וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי מְדִינוֹת.** אוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער טוֹיזִינְט מַייל.

**אוּן דָארְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת** אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט קָאן מֶען נִיט שְׁלָאפִין וָוארִין אַז סֶע וֶוערְט נַאכְט אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי אַלֶע אָן צוּ קְלָאגִין מִיט אַ קוֹל יְלָלָה. אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף.

**וָוארִין בַּיינַאכְט.** הֶערְט מֶען דָארְט אַ קוֹל יְלָלָה זֵייעֶר (דְהַיינוּ אַ וֵוייניְנְדִיק קוֹל פוּן קְלָאגִין) אוּן מַחְמַת דֶעם מוּזִין זֵיי אַלֶע דָארְט אָנְהֵייבִּין צוּ קְלָאגִין. מַאנֶען אוּן וַוייבֶּער אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

**אַז סֶע זָאל לִיגִין אַ שְׁטֵיין** וָואלְט עֶר צוּגָאסִין גִיוָוארִין. אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

**וָוארִין אִין דֶער מְדִינָה** הֶערְט מֶען דָאס קוֹל יְלָלָה מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגִין כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אִין דֶער אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִיז אוֹיךְ אַזוֹי.

**אוּן אֵיין מְדִינָה** פוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז וַוייט טוֹיזִינְט מַייל. בְּכֵן אַז אִיר זֶענְט אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין מָאזִיקָא. (דְהַיינוּ אִיר קָאנְט שְׁפִּילִין אוּן זִינְגֶען) הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אָדֶער מַאכְט חָאטְשֶׁע נָאךְ דָאס קוֹל (דְהַיינוּ דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט מַאכְט נָאךְ דָאס קוֹל) הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִירִין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. יוֹא. אִיךְ פִיר אַייךְ אַהִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אַלֶע אַהִין צוּ גֵיין.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען (דְהַיינוּ צוּ אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת הַנַ"ל) וִוי סֶע גִיקוּמֶען נַאכְט. אִיז גִיוֶוען אַזוֹי וִוי תָּמִיד. זֵיי הָאבִּין אַלֶע אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלָאגִין אוּן דִי חֲכָמִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיקְלָאגְט. (הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זֵיי נִיט הֶעלְפִין)

**הָאט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט** (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט גִיהַאט אֵיין קְרוּמֶען הַאלְז הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים הַנַ"ל) עַל כָּל פָּנִים. זָאגְט מִיר פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. אוּן דוּ וֵוייסְט. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵוייס יוֹא.

**וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי פֵייגִיל.** אֵיינֶער אֵיין עֶר אוּן אֵיינֶער אַ זִי, אוּן דִי פֵייגִיל זֶענֶען נָאר אֵיין פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דִי זִי פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. זוּכְט עֶר זִי אוּן זִי זוּכְט אִים.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לַאנְג גִיזוּכְט.** אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. בִּיז זֵיי זֶענֶען פַאר עֶרְט גִיוָוארִין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיפִינֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. זֶענֶען זֵיי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין.

**אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִימַאכְט נֶעסְטִין.** דֶער עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אוּן נִיט רֶעכְט נָאהֶנְט נָאר וֶועדְלִיג דָאס קוֹל פוּן דֶעם פוֹיגִיל הֵייסְט דָאס נָאהֶנְט וָוארִין פוּן דֶעם אָרְט וִוי עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט קָאן מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט הֶערִין זַיין קוֹל אִין דֶער מְדִינָה.

**אוּן אַזוֹי זִי הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין** דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה. (דְהַיינוּ אוֹיךְ אַזוֹי נִיט רֶעכְט נָאהֶנְט. נָאר פוּן דָארְט קָאן מֶען שׁוֹין הֶערִין אִיר קוֹל דָארְט)

**אוּן אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט.** אַזוֹי הֵייבִּין אָן דִי פָּאר פֵייגִיל צוּ קְלָאגִין. וָוארִין עֶר קְלָאגְט אוֹיף אִיר. אוּן

זִי קְלָאגְט אוֹיף אִים. קְלָאגִין זֵיי זֵייעֶר מִיט אַ גְרוֹיס קוֹל יְלָלָה.

**אוּן דָאס אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה.** וָואס מֶע הֶערְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. וָואס מַחְמַת דֶעם קוֹל מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגְן דָארְט אוּן קֶענֶען נִיט שְׁלָאפִין. (אַזוֹי הָאט דֶער קְרוּמֶער הַאלְז זֵיי אַלְץ דֶערְצֵיילְט)

**לוּשְׁמִיר זֵי הָאבִּין אִים דָאס נִיט גִיוָואלְט גְלֵייבִּין.** הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִּירִין (דְהַיְינוּ צוּ דִי פֵייגִיל) הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא. אִיךְ קָאן אַייךְ פִּירִין אַהִין. לוּשְׁמִיר וִוי קָאנְט אִיר קוּמֶען אַהִין. מַיידוּךְ דָא קָאנְט אִיר נִיט אוֹיס שְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה. אוּן אִיר מוּזְט אַלֶע קְלָאגִין. אַז אִיר וֶועט אַהִין קוּמֶען. וֶועט אִיר זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט קָאנֶען אוֹיסְשְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה.

**אוּן בַּייטָאג קָאן מֶען דָארְט דִי שִׂמְחָה נִיט אוֹיסְשְׁטֵיין.** וָוארְן בַּיי טָאג קוּמֶען זִיךְ דָארְט צוּם אוֹיף פֵייגִיל צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. דְהַיְינוּ צוּ אִים אוּן צוּ אִיר.

**אוּן זֵיי טְרֵייסְטִין** זֵיי אוּן מַאכִין זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת. אוּן זֵיי רֵיידִין זֵיי אוֹיס אוּן טְרֵייסְטִין זֵיי. אִיר וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּזוּכִין. אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע.

**אוּן זֵיי מַאכִין זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.** בִּיז בַּיי טָאג קָאן מֶען דָארְט דִי שִׂמְחָה נִיט אוֹיסְשְׁטֵיין. אוּן דָאס קוֹל פוּן דֶער שִׂמְחָה הֶערְט מֶען נִיט וַוייט. נָאר אַז מֶען קוּמְט אַהִין. אָבֶּער דָאס קוֹל יְלָלָה דָאס הֶערְט מֶען וַוייט. קָאנְט אִיר דְרִיבֶּער אַהִין נִיט קוּמֶען.

**הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט.** קָאנְסְטוּ דָאס פַּארְרֶעכְטִין. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט יוֹא. אִיךְ קָאן דָאס פַּאר רֶעכְטִין. וָוארִין אִיךְ קָאן נָאךְ מַאכִין אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. **אוּן וִוידֶער אִיךְ קָאן וַוארְפִין קוֹלוֹת.** דְהַיְינוּ אִיךְ קָאן וַוארְפִין אַ קוֹל. וָואס דָא וִוי אִיךְ לָאז אַרוֹיס דָאס קוֹל. זָאל מֶען דָאס קוֹל גָאר נִיט הֶערִין.

**נָאר וַוייט זָאל מֶען דָארְט דָאס קוֹל הֶערִין** דְרִיבֶּער קָאן אִיךְ וַוארְפִין דָאס קוֹל פוּן אִיר צוּ אִים. דְהַיְינוּ דָאס קוֹל וָואס אִיךְ וֶועל אִיר נָאךְ מַאכִין זָאל אָנְקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם אָרְט וואוּ עֶר אִיז. אוּן אַזוֹי קָאן אִיךְ וַוארְפִין זַיין קוֹל אַז סֶע זָאל אָנְקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ אִיר. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ זֵיי צוּם אוֹיף צִיהֶען. (בִּיז עֶר וֶועט זֵיי צוּם אוֹיף בְּרֶענְגֶען).

**לוּשְׁמִיר וֶוער וֶועט דָאס אִים גְלֵייבִּין.** אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיפִירְט אִין אַ וַואלְד אַרַיין. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַזוֹי וִוי אֵיינֶער עֶפִּינְט אוֹיף אַ טִיר אוּן פַּארְמַאכְט זִי וִוידֶער אוּן טוּט אַ קְלַאפּ מִיט דֶער קְלַאימְקֶע. אוּן שִׁיסְט אוֹיס מִיט אַ בִּיקְס. אוּן שִׁיקְט נָאךְ דֶעם הוּנְט אַז עֶר זָאל חַאפִּין. אוּן דֶער הוּנְט הָאט גִיגְרָאזְנִיט אִין שְׁנֵיי. אוּן דָאס הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִיהֶערְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקוּקְט.** הָאבִּין זֵיי נִיט גִיזֶעהְן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוּן פוּן אִיהם הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִיט גִיהֶערְט קֵיין שׁוּם קוֹל. (נָאר עֶר דְהַיְינוּ דֶער קְרוּמֶער הַאלְז הָאט עֶר עֶס גִיוָוארְפִין אַזוֹינֶע קוֹלוֹת. הָאבִּין זֵיי זִיךְ שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן נָאךְ מַאכִין אַלִירְלֵיי קוֹלוֹת אוּן עֶר קָאן וַוארְפִין קוֹלוֹת). (אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר דָא נִיט דֶערְצֵיילְט. אוּן סֶע גֵייט דָא נָאךְ אָפּ).

**נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶער מְדִינָה. אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וואוֹיל קוֹל אוּן אִיךְ קָאן נָאךְ מַאכִין אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ.**

# אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה זֵייעֶר.

## געווינער אויף די בחינות איז:
## הילד החשוב ישראל פישער, ירושלים , (זיבן בעטלערס 4)
מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח פון חדר ברסלב ירושלים

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**02-5-3333-72**
**646-585-3040**

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די דרייצנטע מעשה (5) - פון די זיבן בעטלירס

**א. שאלת זכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער וואס האט א קרומע האלדז?** (עיין ימי מוהרנ"ת א"ב)
- ☐ שב"ק כ"ה אדר תק"ע
- ☐ שב"ק ג' ניסן תק"ע
- ☐ דינסטאג ו' ניסן תק"ע

**ב. ווי אזוי איז געווען באמת די האלז פון דעם פערטן בעטלער?**
- ☐ א קרומער האלדז
- ☐ זייער א גלייכע האלדז
- ☐ זייער א גלייכע און א שיינע האלדז

**ג. וואספארא קול האט דער בעטלער געהאט?**
- ☐ א הייזעריגע קול
- ☐ א פשוט'יע קול
- ☐ זייער א וואויל קול

**ד. פון וועמען האט ער א הסכמה?**
- ☐ פון די מדינה וואס לעבן חיים טובים
- ☐ פון דעם אמת'ין איש חסד
- ☐ פון די מדינה וואס אלע זענען חכמים אין מוזיקא

**ה. וויפיל חכמים רעכנט דער רבי אויס וואס האבן זיך בארימט מיט די חכמה פון נגינה?**
- ☐ דריי
- ☐ זיבן
- ☐ צעהן

**ו. וועלכע קולות איז דער רבי מפרט אז זיי קענען עס נאכמאכן?**
- ☐ א פויק און א פידל
- ☐ א פויק און א פייפער
- ☐ א פויק און וואו מ'שיסט פון הורמאטעס

**ז. מיט וואס איז די קול פון דעם בעטלער בעסער פון זייערע?**
- ☐ ווייל זייער קול איז שטילער
- ☐ ווייל זייער קול איז מער הייזעריג
- ☐ ווייל זיי קענען נישט העלפן די צוויי מדינות

**ח. וואו ווייט זענען די צוויי מדינות איינס פון די אנדערע?**
- ☐ פינעף הונדערט מייל
- ☐ טויזנט מייל
- ☐ א תחום שבת

**ט. וואס געשעהט ביינאכט ביי די צוויי מדינות?**
- ☐ די עלטערע מענטשן קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ☐ די ווייבער און קליינע קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול

**י. וואס איז געשען צו די חכמים ווען זיי האבן געהערט די קלאגן פון די מדינה?**
- ☐ זיי האבן געזאגט אז זיי האבן א עצה זיי צו העלפן
- ☐ זיי האבן אויך אנגעהויבן קלאגן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. וואס זאגט דער בעטלער פון וואו קומט דער קול וואס דורך דעם קלאגן די מדינות?**
- ☐ פון צוויי פייגל וואס זוכן זיך איינס דאס אנדערע
- ☐ פון א לייב וואס שרייט
- ☐ פון מענטשן וואס קלאגן

**יב. פארוואס קענען נישט די חכמים קומען צו די פייגל?**
- ☐ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ☐ ווייל ס'איז א סכנה'דיגע וועג
- ☐ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די קול יללה

**יג. און פארוואס קענען נישט די חכמים קומען דארט בייטאג?**
- ☐ ווייל נאנט הערט מען די קול יללה אויך בייטאג
- ☐ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ☐ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די שמחה וואס איז דא דארט בייטאג

**יד. ואו ווייט הערט מען די קול פון די שמחה בייטאג?**
- ☐ אזוי ווייט וואו די קול יללה פון ביינאכט
- ☐ ווייטער פון די קול יללה פון ביינאכט
- ☐ נאר אז מ'קומט אהין (ביי די פייגל)

**טו. צו וואו האט דער בעטלער געפירט די חכמים?**
- ☐ אין א וואלדל אריין
- ☐ צו זיין שטוב
- ☐ צו א גארטן

**טז. פון וועלעכע זאכן האבן זיי דארט געהערט א קול?**
- ☐ פון א פויק, א פידל, א טיר און א הונט
- ☐ פון א טיר-קלאמקע, א ביקס און א הונט
- ☐ פון א פויק, א פידל און א טיר-קלאמקע.

**יז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?**
- ☐ אז ס'איז ראווי גאר שטארק זיך צו פרייען, מיטן האפן אז מ'וועט זיך נאך טרעפן
- ☐ די גרויסקייט פון דעם בעטלער וואס העלפט די מדינות
- ☐ ______________________.

### ענטפערס פון פאריגע וואך

'עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית'
רבי שמעון איז א וואַכֶעדִיגֶער!
א צדיק וואס לעבט און איז מתפלל
פאר אונז און פאר אונזערע דורות

"אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא"
אֲנַ"ן איז רָאשֵׁי תֵּבוֹת
אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ
דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן דַארְפְן סְפֶּעצִיעֶל
הָאבְן אַ לִיבְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן

**ניגון פון פאריגע וואך איז: "בינו בוערים בעם" געזונגען געווארן דורך ר' אהרן קיבליטשער, גאנץ מעגליך אז עס איז פארפאסט געווארן דורך אים [געווינער איז הילד הח' שמעון פישער]**

## קליינע שטיקלעך פון די תפלה וואס איז גוט צו זאגן לכבוד התנא אלוקי רשב"י לקוטי תפלות ח"ב תפלה מ"ז

**רֶבִּי** שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית. הֵייליִגֶע לִיכְט, גְרוֹיסֶע לִיכְט אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לִיכְט. אִיר הֵייליִגֶער רַבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אִידְן, אַז דוּרְךְ אַייךְ וֶועט דִי הֵייליִגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְז אִידְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, וָוארוּם [ווייל] דוּרְךְ אַייעֶר הֵייליִגֶער 'זֹהַר הַקָּדוֹשׁ' וֶועלְן מִיר אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶער שְׁטַארְקֶער 'הַסְתָּרָה', ד.ה. פַארְהוֹילֶענִישׁ אוּן פַארְבָארְגֶענִישׁ, גָאר אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג 'בְּעִקְּבְתָא דִּמְשִׁיחָא' אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועט דִי הֵייליִגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה, וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'.

**עַל כֵּן** בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִיר דָא דֶערְמַאנֶען, הֵייליִגֶער רַבִּי, רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, הֵייליִגֶע צַדִּיקִים, דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָאר דִי שְׁלֶעכְטְץ אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיז אִיצְט, ... **הָאט** רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ דָאס אַלֶעס, צוּ אַלֶע פְּגָמִים וְקִלְקוּלִים, אוּן עֶס זָאל אַייךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט פַארְדְרִיסְן, נָאר אִיר זָאלְט קְלֶערְן מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעצְט אָן, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן פוּן אַייךְ, וָוארוּם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אָפְּהַאלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט.

**הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** מִיט זַיין רַחֲמָנוּת וֶועט אַייעֶר תְּפִלָּה אוֹיסְהֶערְן, אוּן אִין אַייעֶר זְכוּת וֶועט עֶר מִיטְהֶעלְפְן מִיר מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶועט אוּנְז צוּ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אִינְגִיכְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן וֶועט אוּנְז נֶעבְּן זִיךְ הַאלְטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, אוּן זַיין וִוי זַיין גוּטֶער ווִילְן, פוּן אִיצְט בִּיז אֵייבִּיג, אוּן בַּיי מַיין לֶעבְּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מִיט דֶעם כֹּחַ אוּן אִין זְכוּת פוּן אַלֶע אֱמֶת'ע צַדִּיקִים, וָואס נָאר אוֹיף זֵיי אַלֵיין בִּין אִיךְ זִיךְ סוֹמֵךְ צוּ רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים עֶר ווייסְט אַלֶע בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן, "הַשֵּׁם יִגְמוֹר בַּעֲדִי, הַשֵּׁם חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף. הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ, בִּי יַכְתִּירוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי".


**הדפסת הגליון נתנדב לרפואת נתן אליהו בן שירין**

הדפסת הגליון נתנדב
להצלחת אברהם יצחק בן רבקה פיגא

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' שלמה אנשין להולדת הבן

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' ראובן הארוויץ לרגל
החלאקה של בנו היקר

הדפסת הגליון נתנדב ע"י ישראל
מינצבערג נ"י
להודות על כל הטובות וניסים שעשה עמו ה'

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' דוד גראמאן לרגל החלאקה
של בנו היקר

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' שמואל מאיר אנשין לרגל
החלאקה של בנו היקר